בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בא תשע"ו | גליון 343 [שנה ח']

## וַיִּפֶן וַיֵּצֵא א לשון יחיד

וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל־פַּרְעֹה וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו כֹּה־אָמַר ה': (י ג) דארף מען פארשטיין אז דא שטייט מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן זענען געקומען צו פרעה און זיי זענען אויך ביידע אוועק צוזאמען פון פרעה, אויב אזוי אז עס שטייט ווייטער (פסוק ו') וַיִּפֶן וַיֵּצֵא מֵעִם פַּרְעֹה. וַיִּפֶן וַיֵּצֵא איז א לשון יחיד, וואלט געדארפט שטיין א לשון רבים וַיִּפְנוּ וַיֵּצְאוּ מֵעִם פַּרְעֹה? נאר מען קען ענטפערן אז באמת זענען זיי ביידע אוועק צוזאמען פון פרעה, נאר ווען מען גייט אוועק פון א קעניג דארף מען גיין מיט דרך ארץ, און עס איז נישט קיין כבוד צו גיין מיטן רוקן צום קעניג, נאר פנים כנגד פנים אויף צוריק וועגס, יעצט דער לשון וַיִּפֶן וַיֵּצֵא, מיינט ארויסגיין מיטן רוקן צום קעניג, ממילא אהרן האט געדארפט האבן דרך ארץ ביים אוועקגיין פון פרעה, אבער משה האט דער אויבערשטער אים געזאגט רְאֵה נְתַתִּיךָ אֱלֹקִים לְפַרְעֹה, משה שטייט העכער פון פרעה, האט ער נישט געדארפט האבן דרך ארץ פאר פרעה, און ער האט געמעגט אוועקגיין מיטן רוקן צום קעניג, דעריבער שטייט וַיִּפֶן וַיֵּצֵא א לשון יחיד, ווייל נאר משה רבינו האט אזוי געקענט אוועק גיין. (שיר מעון הגאון ר' שמעון סופר מערלויא)

## שטענדיג טראכטן און העלפן א צווייטן איד

לֹא־רָאוּ אִישׁ אֶת־אָחִיו וְלֹא־קָמוּ אִישׁ מִתַּחְתָּיו: (י כ"ג) פרעגט דער הייליגער שפת אמת אז מען רעדט פון מכת חושך און יעדע זאך פון די תורה איז א לימוד פאר כלל ישראל, וואס איז דאס? נאר דער גרעסטער חושך ביי א איד איז ווען לֹא־רָאוּ אִישׁ אֶת־אָחִיו, מען זעט נישט וואס עס פעלט א אנדערן איד און מען זוכט אים נישט צו העלפן, און די סיבה פארדעם איז, ווייל וְלֹא־קָמוּ אִישׁ מִתַּחְתָּיו, מען גייט נישט ארויס פון זיך נאר מען טראכט נאר פון זיך. און דאס איז מכת חושך פאר א איד וואס פירט זיך אזוי חלילה. נאר א איד דארף שטענדיג טראכטן און העלפן א צווייטן איד, און נישט טראכטן נאר פון זיך, ווייל נאר פון טראכטן און העלפן יענעם, וועט מען גיין העכער אין עבודת ה'. (שפת אמת גור)

## וואס מיינט גַּם הָאִישׁ מֹשֶׁה גָּדוֹל מְאֹד

וַיִּתֵּן ה' אֶת־חֵן הָעָם בְּעֵינֵי מִצְרָיִם גַּם הָאִישׁ מֹשֶׁה גָּדוֹל מְאֹד בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם: (י"א ג') פארוואס דארף שטיין "גַּם הָאִישׁ מֹשֶׁה גָּדוֹל מְאֹד" וואס איז דאס נוגע? קען מען זאגן אז דאס וואס משה איז געווארן גרויס אין די אויגן פון די מצריים איז געווען די סיבה פארוואס זיי האבן געבארגט פאר די אידן, ווייל די מצריים האבן פארשטאנען אז משה רבינו האט אזוי געהייסן די אידן און זיי האבן שוין ארויפגעקוקט אויף משה, וועגן דעם איז געווען חֵן הָעָם בְּעֵינֵי מִצְרָיִם. (מטעמי יצחק) בדרך אפשר וואלט מען געקענט ענטפערן אז דער אויבערשטער האט יעצט באצאלט פאר משה די אלע עגמת נפש און צער און בזיונות פון גיין צו פרעה און די טענות פון כלל ישראל צו אים, ממילא יעצט אז די אידן האבן באקומען חֵן ביי די מצריים, איז דאס נאר גערעכט אז משה זאל אויך ווערן גרויס אין די אויגן פון די מצריים. דאס איז דער ענין פון סוף הכבוד לבא, ענדע קומט אן די כבוד. און שלמה המלך שרייבט אין (קהלת יא א) שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל־פְּנֵי הַמָּיִם, כִּי בְרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ, משה האט נישט געטאן זיין שליחות וועגן גדלות אבער אין די שפעטערדיגע טעג האט ער געטראפן די גדלות, כדי די אידן זאלן באקומען די כלי כסף און כלי זהב פון מצרים. (שמח זבולון)

## בגדולה מתחילין מן הגדול

וּמֵת כָּל־בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבְּכוֹר פַּרְעֹה .... עַד בְּכוֹר הַשִּׁפְחָה .. וְכֹל בְּכוֹר בְּהֵמָה: (יב כט) דארף מען פארשטיין אז די גמ' (תענית טו:) זאגט ביי גְּדוּלָּה הויבט מען אן רעכענען פון גָּדוֹל און ביי קַלְקָלָה – א שטרויכלונג– הויבט מען אן מיט די קלענערע אין דרגא, אויב אזוי פארוואס דא ביי די קַלְקָלָה פון וּמֵת כָּל־בְּכוֹר הויבט די תורה אן מיט מִבְּכוֹר פַּרְעֹה וואס איז גָּדוֹל און נישט פון בְּכוֹר הַשִּׁפְחָה וואס איז א קלענערע דרגא? נאר מען קען זאגן אז דער עונש איז געווען לויט די מדה פון אַכְזָרִיוֹת, ממילא די בני מלכים אפילו זיי זענען גרעסער אין דרגא פון די בני השפחות, אבער אין מדת אַכְזָרִיוֹת כלפי די אידן, זענען געווען די בני מלכים ערגער פון די בני השפחה, דעריבער האט מען אנגעפאנגען מיט בְּכוֹר פַּרְעֹה וואס זענען קלענער אין דרגא פון די בְּכוֹר הַשִּׁפְחָה. (שיר מעון הגאון ר' שמעון סופר מערלויא)

## ווען מדת הדין איז מסכים צו מדת הרחמים איז דאס א אמת'ע ישועה

וּבְנֵי־יִשְׂרָאֵל עָשׂוּ כִּדְבַר מֹשֶׁה וַיִּשְׁאֲלוּ מִמִּצְרַיִם כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב וּשְׂמָלֹת: וַה' נָתַן אֶת־חֵן הָעָם בְּעֵינֵי מִצְרַיִם וַיַּשְׁאִלוּם וַיְנַצְּלוּ אֶת־מִצְרָיִם: (יב לה–לו) דארף מען פארשטיין אז עס שטייט פריערט (יא ב– ג) דַּבֶּר־נָא בְּאָזְנֵי הָעָם וְיִשְׁאֲלוּ אִישׁ מֵאֵת רֵעֵהוּ וְאִשָּׁה מֵאֵת רְעוּתָהּ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב: וַיִּתֵּן ה' אֶת־חֵן הָעָם בְּעֵינֵי מִצְרָיִם: אויב אזוי פארוואס דארף נאכאמאל שטיין וַה' נָתַן אֶת־חֵן הָעָם? נאר מען קען זאגן אז דער אויבערשטער האט ארייגעלייגט צוויי מאל חן ביי די מצריים. איין חן אויף דאס וואס די אידן האבן געבעטן, האבן די מצריים מסכים געווען צו געבן, און נאך א חן איז געווען אויף צו געבן די אידן אפילו וואס זיי האבן נישט געבעטן, און עס איז מדוייק אין פסוק וַיַּשְׁאִלוּם, פון זיך אליין אן בעטן, און רש"י ברענגט דאס פון מכילתא פי"ג. אויך קען מען זאגן אז דער ערשטער פסוק וַיִּתֵּן ה' אֶת־חֵן הָעָם בְּעֵינֵי מִצְרָיִם, איז געווען וואס מדת הרחמים האט באפוילן צו געבן, אבער דער מדת הדין קען חלילה מקטרג זיין! דעריבער שטייט וַה' נָתַן און חז"ל זאגן (מדרש תנחומא וארא ט"ז) אויפן פסוק וַה' נָתַן קֹלֹת וּבָרָד (ט כג) ווען עס שטייט וַה' מיינט דאס מיט זיין בית דין דאס מיינט אז מדת הדין איז אויך מסכים, דעריבער שטייט נאכאמאל דא וַה' נָתַן מיט די הסכמה פון מדת הדין, וועט נישט זיין קיין אפהאלט און קיטרוגים. (חומת אנך לרבינו החיד"א) און עס שטייט אין ספרים הקדושים: א פשט אויפן פסוק (תהלים סט יד) וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן אֱלֹקִים בְּרָב־חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ; אז אויב דער מדת הרחמים איז מסכים צו א ישועה איז דאס נאך נישט אלע מאל א אייביגע ישועה, ווייל חלילה דער מדת הדין קען מקטרג זיין אויף די ישועה, אבער ווען דער מדת הדין איז מסכים פאר די ישועה דעמאלטס איז דאס א אייביגע ישועה? דאס איז פשט אין פסוק: וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן: ווען איך בעט א תפלה פון ה' וואס דאס איז מדת הרחמים, און איך וויל אז עס זאל א אייביגע ישועה, בעט איך אויך אז: אֱלֹקִים בְּרָב־חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי: אֱלֹקִים וואס איז מדת הדין– בְּרָב־חַסְדֶּךָ –צוזאמען מיט מדת החסד, עֲנֵנִי, אזוי זאלסטו מיר ענטפערן: איז דעמאלטס וועט זיין בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ: עס וועט זיין א אמת און אייביגע ישועה. ווייל דער מדת הדין איז מסכים פאר די ישועה און וועט נישט מקטרג זיין אויף די ישועה, די זעלבע קען מען מרמז זיין אין פסוק (שמות י"ח כ"ג) וְצִוְּךָ אֱלֹקִים, וְיָכָלְתָּ עֲמֹד: וְצִוְּךָ איז א לשון פון צַוְותָא –באהעפטן– אז מען זאל באהעפטן דעם מדת הדין צוזאמען מיטן מדת החסד, ממילא אז עס וועט זיין א ישועה, וְיָכָלְתָּ עֲמֹד: עס וועט בלייבן און עס וועט זיין א אייביגע ישועה. (שמח זבולון)

## מדור העובדות

## **** ר' אהרן מבעלזא זיע"א באווייזט זיך אין חלום און איז מחזיר בתשובה ****

דערציילט דער משב"ק פון בעלזא רב זיע"א ר' יצחק סג"ל לנדוי ז"ל עס איז געווען אין א פרייטיג פארמיטאג, און א מאדערנער איד אין די מיטעלע יארן קומט אריין אין הויז פון רב און נעמט זיך ארום גיין און עפענען טירן אזוי ווי ער זוכט איינעם, די טירן זענען אלע געווען אפען אבער די חסידים האבן געציטערט עפענען א טויער און דער גייט עפענען פרעג איך אים וועמען זוכט ער? ענטפערט ער אז ער זוכט דעם רבי'ן, האב איך פארשטאנען אז א חסיד זוכט דעם רָב, און עס ווייזט אויס אז ער ווייסט נישט די כללים, און איך זאג אים אז ערב שבת נעמט נישט אויף דער רָב מענטשן! און איך זאג ער זאל צוריקומען זונטאג. און דער מענטש נעמט נישט ניין פאר א ענטפער און זאגט ער מוז שוין אריינגיין צום רבין! זאג איך אים עס איז נישט שייך ווייל דער רב נעמט נישט אן היינט. פרעגט ער מיר צו איך בין פון די נאנטע ביים רבין ענטפער איך, יא! רופט ער מיר אויף א זייט און זאגט איך האלט ביים נעמען דאס לעבן אויב דו לאזט מיר אריין איז גוט, און אויב נישט חלילה גיי איך דאס שוין טאן דא אין שטוב!

איך בין געווארן שטארק דערשראקן און נישט געוואוסט וואס צו טאן יעצט! ווייל ווען איך זאל דערציילן דעם רב אז א איד וויל טאן אזא עוולה וועט דער רב ווערן שטארק בצער, ווייל ווען דער רב האט געהערט שלעכטע בשורות פלעגט ער שרייען "שויו שוין שוין"! און איך האב נישט געוואלט מצער זיין דעם רב ערב שבת, אבער מצד שני האב איך נישט געוואלט נעמען דעם אחריות אז א איד זאל טאן אזא זאך צוליב מיין באקוועמליכקייט, און ביים טראכטן וואס צו טאן רופט זיך אן דער איד מיין משפחה איז דערבארימדיגער און א א אייניקל בן אחר בן פון ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב! ווען איך האב געהערט אז דאס איז א בנן של קדושים, בין איך אריין צום רב און דער רב האט געהאלטן אינמיטן זיין הייליגער עבודה פון טרינקן כידוע, און איך ווארט ביז דער רב מערקט מיר און איך דערצייל אים אז אינדרויסן איז דא א איד א אייניקל פון בארדיטשובער, און ער בעט שטארק אריינגיין צום רב, און איך בין שטיל, און איך זאג ווערטער פון מויל א צוטומולטער, ביז איך זאג ארויס וואס דער איד וויל טאן חלילה!

דער רב האט אלעס אוועק געלייגט און זיך אויפגעשטעלט ווי א גיבור און נעמט זיך טרייסלען זיין גאנצן גוף און דערנאך שטעלט ער זיך ביים טיש און זאגט מיר "הייס אים שוין אריין גיין!!!" ביי מיר איז געווען א פלא ווייל גאנץ חשובע אידן האבן געדארפט אמאל ווארטן עטליכע נעכט צו אריינגיין און זיין א פאר מינוט ביים רב, און דא א פרעמדע איד רופט אריין דער רב אן קיין שום ווארטן!

איך גי ארויס און זאג דעם איד אז דער רב איז אים מסכים צו זען און ער גייט אריין צום רב וואס פרעגט אים ווער ער איז און וואס ער וויל? האט ער אנגעהויבן צו דערציילן אז ער איז א אייניקל פון הייליגן בארדיטשובער רב זיע"א און אין א טאג האט ער מחליט געווען אז ער הויבט אן צו לערנען סתרי תורה און קבלה, און אזוי האט ער זיך אריינגעטאן טיפער און טיפער אין קבלה ביז איך האט זיך אנגעהויבן מיט זיך באנוצען מיט שמות הקדושים ווען איך בין נישט געווען ראוי און הייליג, און די משנה זאגט (אבות פ"א מי"ג) ודאשתמש בתגא, ווער עס באנוצט זיך מיטן קרוין, דאס מיינט די שמות הקדושים, חלף, דארף אוועקגיין פון די וועלט, און איך האב טאקע דאס געוואלט מקיים זיין, דער רב זיע"א איז געשטאנען אויף זיין הייליגע פיס און קוקט די גאנצע צייט אויף דעם איד און ווערט ווייס ווי קאלאך, און ווארט ביז דער איד ענדיגט דערציילן, און גלייך גיט דער רב א געשריי און זאגט בזה הלשון "חלילה וחס חלילה וחס עס איז די פאסקידנסטע עבירה אין די וועלט, מען טאהר נישט, איר האט גארנישט געמאכט איר האט גארנישט געטאן, עס איז גארנישט."

דער איד האט געהערט די הייליגע רייד פון רב און עס איז אריין אין זיין קאפ און האט זיך בארוהיגט, און ער פרעגט דעם רב א הדרכה ווי ער זאל מתקן זיין וואס ער האט געטאן? און דער רב האט אים געהייסן לערנען אסאך גמ' מיט רש"י און דער רב האט אים געגעבן א ברכה ער זאל מצליח זיין.

--- למעשה דער איד איז ארויס געפארן פון זיין שטעטל בארדיטשוב ווייל ער האט זיך געגליטשט פון אידישקייט און האט זיך געשעמט פון זיין משפחה דעריבער איז ער געפארן קיין ארץ ישראל וואו קיינער האט אים נישט געקענט, און דארטן חתונה געהאט און געפירט א נישט תורה'דיגן לעבן, אבער ער האט געגלוסט צו לערנען קבלה אבער עס איז געווען שלא בקדושה און דאס האט אים געברענגט צו זיין שלעכטע מחשבות, און דער רב האט אים מחזיר בתשובה געווען----

ווען דער איד איז ארויס פון רב האט ער מיר דערציילט וואס איז פארגעקומען מיט אים, אז די מחשבה פון זיך נעמען דאס לעבן שטייט אין זיין מחשבה עטליכע וואכן און איך האב דאס אלעס אוועקגעשטופט פון מיין מחשבה אז א איד טאר דאס נישט טאן, ביז נעכטן האב איך זיך פארלוירן און מחליט געווען אז איך גיי דאס טאן, אבער איך דרימל איין און עפעס א רבי קומט צו מיר אין חלום און ווארענט מיר אז מען טאר עס נישט טאן, און איך האב זיך אויפגעחאפט און געוואלט זיך טרעפן מיט יענעם רבין, איך דריי זיך שוין פון גאר פרי און איך גיי פון רבי צו רבי אין תל אביב און איך זע נישט דעם רבי וואס איז געקומען צו מיר אין חלום, אבער ווען איך בין אריינגעקומען אין הויז און געעפנט דעם טיר און געזען די צורה פון רבין און אז ער איז דער צדיק וואס איז געקומען אין מיין חלום האב איך געוואוסט אז דא וועל איך געהאלפן ווערן און איך בין טאקע געהאלפן געווארן ווייל דער רבי האט ארויסגענומען די שלעכטע מחשבה פון מיר!

דער איד האט אנגעהויבן קומען יעדן טאג אין שטיבל און ער האט באקומען א געשמאק אין לערנען און זיך צוריק געחאפט דעם אידישן ברען, און צוביסלאך איז ער געווארן א מתמיד און געזעצן און געלערנט פון אינדערפרי ביז באנאכט. זיין ווייב האט נישט פארשטאנען וואס איז געשען מיט איר מאן, אבער זי איז געווען צופרידן אז די מאדנע מחשבה זיינע איז ארויס פון קאפ! און זי האט משלים געווען מיט די מציאות און זיך אנגעהויבן זיך פירן על פי תורה. אבער היות אז איר מאן האט זיך אריינגעלייגט אין לערנען און נישט געברענגט קיין פרנסה איז די ווייב געלאפן צום רב אז עס איז נישטא וואס צו עסן אין שטוב. האט דער רב אים אריינגערופן צו זיך און געזאגט אז אין שולחן ערוך נאך די הלכות פון בית הכנסת איז דא די הלכות פון משא ומתן אז מען דארף ברענגען פרנסה, און דער איד האט צוגעזאגט ער וועט פאלגן און דער רב האט אים געוואונטשן און האט געהאט פרנסה און געבליבן א ירא שמים אין זכות פון זיין הייליגן זיידן דער בארדיטשובער רב זיע"א.


*נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן -*
ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. עטליכע בריוו פון הגאון ר' יונתן שטייף פון פעסט. **נועם אלימלך דפוס סלאוויטא חסר דף האחרון**, מטבע משנת תשע"ג לכבוד 250 יאר געבורטס פון חתם סופר צו פארקויפן 500$, קול קורא פון חפץ חיים תרפ"ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה 600$, פסק דין פון הייליגע נודע ביהודה און זיין חתימה, **גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר 5000$**, מחזור פאר אלע 5 ימים טובים דפוס זיטאמיר נוסח ספרד 8500$ , בריוו פון הגאון ר' אליעזר ראביאוויץ דער מינסק גדול, תשובה פון הגאון מהרי"א אסאד 7500$, תשובה פון הייליגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. פסק דין פון פנים מאירות. קומט אריין און איבערצייגט זיך. א בריוו פון הייליגן דברי חיים מצאנז און פון דברי יחזקאל משינאווא, אויך דער ברודער פון דברי חנה, הרה"ק ר' נפתלי רובין חתן שינאווא רב, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. חידושי הרשב"א קידושין עם הגהות הגאון ר' צבי יעקב דיקמאן, הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** ***WWW.SEFORIMWORLD.COM***
**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday** מען קען באקומען דעם גליון אין די ספר גליונות **http://ladaat.info/gilyonot.aspx --** אדער אויף לדעת